SLASH
YOUR BUSINESS PHONE COSTS
Stay Connected to your Customers and Coworkers
- Save up to 80% off traditional phone systems
- No contracts or commitments
- Get all the features you've always wanted but couldn't afford
- Fast, Easy, No Hassles – be up and running in minutes

Get more and pay less.
You really can have it all.
With Vocalocity's Affordable and Reliable Phone System
vocalocity
Use Promo code Vocal035 and try our voicemail to email transcription for free!
Call Now 1-877-233-8170

Balboos.com
בעל בית
March 19, '12
פרשת ויקרא תשע"ב

Passover @
OtzarStock BETA

מיר מוטיגן צו כאפן א בליק דורכאויס די וואך אויף די קאמענטארן, אין הנאה האבן פון די לעבעדיגע אקטיוויטעטן און שמועסן איבער טעמעס וועלכע ווערן דערמאנט אינעם בעל-בית.
הויפט בלאט (די לינק צו איטליכע ארטיקל, ווערט אנגעגעבן אונטער יעדע ארטיקל באזונדער).
ווי אויך אין די **פארום'ס** ווי עס ווערן אויסגעשמועסט אינטערעסאנטע און באלערנענדע נושאים, א טייל ברענגן מיר אראפ אין דעת דעל בית

דעת בעל-בית

בריוו

בנוגע זיך לערנען א פאך (דעת בעל בית תצוה תשע"ב)

איבער דעם וואס א ליינער שרייבט אז אויב איז אמת אז מ'דארף לערנען אן אומנות ווי די גמרא הייסט דאן פארוואס האבן די רבנים אונז נישט געלערנט דאס צו טאן? זייער פשוט. ביז פאר די מלחמה איז נישט געווען פארוואס זיך צו לערנען, אדער בעסער געזאגט די עיקר ארבעט ביי די אידן איז געווען זאכן וואס מ'האט זיך נישט געדארפט לערנען צופיל, וויצב"ש שניידעריי א.ד.ג. די וועלט האט זיך געטוישט און היינט איז ממש א הכרח צו לערנען. אין צוגאב איז היינט דער סטאנדארט געפערליך געשטיגן און דער מציאות איז אז אונז לעבן א פיל בעסערן לעבן ווי אונזערע עלטערן, ביי דעם פארשטייען מיר אז "צייטן זענען אנדערש" ווייל ס'איז טאקע. נו מוז מען זיך לערנען ארבעט.

און די גמרא איז א גמרא! וואס אונזערע רביס האבן געפילט פאר וויכטיג צו פסקנן הוראות שעה (אויב זיי האבן אפילו געפסקנט.... מיר דוכט זיך אז ס'איז פשוט נישט געווען וואס צו לערנען, און "מלמדו אומנות" האט טאקע יעדערער מקיים געווען לויט זיין שטאפל, דער שניידער, דער בעקער אדג). מען קען נישט אוועקנעמען דעם היינטיגן מציאות, נאכדערצו ווען די גמרא זאגט עס.

נפתלי

מיני ווען פענסטער, זייט פארזיכטיג

גאר אסאך עקסידענטן ווערן באריכטעט די לעצטערע יארן מער ווי אין די פארגאנגענהייט, און די סיבה דערפאר ווערט אנגעגעבן צוליב די מערהייט פון די באפעלקערונג, און צוליב די מערהייט פון דרייווערס. עס איז ריכטיג אז אט די צוויי זאכן זענען די עיקר סיבה דערפאר, אבער דאס איז נאך נישט אלעס. עס האט זיך ארויסגעשטעלט נאך א שטארקע סיבה און גורם וועלכע איז א שולד אין די עקסידענטן, אט לייענט:

אין די פריערדיגע יארן זענען מערסטנס געדרייווט געווארן קארס, קלענערע און גרעסערע, און אין די לעצטערע יארן האבן די מיני וועגס איבערגענומען דעם איבערהאנט, די וועגן זענען איבערגעפילט און פארפלייצט מיט מיליאנען מיני וועגס, איבערהויפט ביי אידן.

די מיני וועגס זענען אזוי דיזיינט געווארן אז די מאלדינגס ביי ביידע זייטן פון דעם גרויסן פראנט ווינדוי פון די קאר זענען זייער דיק, כאטשיג צוויי מאל אזוי דיק ווי עס איז ביי א קאר, און אויך איז עס אנדערש ווי ביי א קאר אז די מאלדינג פון די פראנט ווינדוי איז שטארק שיף, און דאס איז גורם אז ווען א מיני ווען דרייט זיך איין ביי א גאס זעהט ער זייער ווייניג אויף זיין לינקע זייט צי א מענטש גייט דארטן אריבער.

דאס איז א פאקט וואס יעדער דרייווער פון א מיני-ווען וועט דאס באשטעטיגן און עדות זאגן דערויף. און דאס איז א פאקטישער גורם אויף גאר אסאך עקסידענטן וואס עס פאסירן.

ווער רעדט נאך ווען עס גייט א רעגן, דאן ווערט אסאך קלענער דער חלק פונעם פראנט פענסטער וואו מען קען ארויסקוקן. סיי צוליב די רעגן וועלכע פארדעקט דעם פענסטער פון איין ווייפער וויש צו די צווייטע ווייפער וויש, און די ווייפערס ווישן בכלל נישט אפ דעם גאנצן פענסטער, ביי די זייטן פונעם פענסטער בלייבט דער פענסטער אומבאארירט און עס איז אוממעגליך צו קענען זעהן ווען איינער גייט אריבער.

מענטשן זאלן נישט טראכטן און זיך פארלאזן אויפן א דרייווער אז ער זעהט און ער וועט שוין אכטונג געבן, דאס איז א גרייזיגע מחשבה און מען שטעלט איין דערמיט דעם אייגענעם לעבן. און אויב איר פארלאזט זיך אויף נסים און די נסים קומען חלילה נישט אן, דאן שטעלט איר אין א סכנה נישט נאר זיך אליין, נאר אויך טאטע מאמע, ווייב און קינדער, גאנצע משפחות און דורות, אלעס וועגן אזא קלייניגקייט, ה' ישמרנו.

נאך א זאך וועלכע שטערט די מיני ווען דרייווערס צו זעהן ביי די זייטן, דאס זענען די גרויסע שפיגלער, פיל גרעסערע ווי ביי די קארס. יעדע קלייניגקייט פאר זיך פארמינערט דעם זעהונגס ציל פונקט און דער דורכגייער איז אויסגעשטעלט צו א שרעקליכע סכנה.

עכ"פ, סיי דער דרייווער און סיי מענטשן זאלן זיין געווארענט דערוועגן. און אפשר איז שייך מעורר צו זיין די קאר פירמעס דערוועגן.

(-)

קאמענטארן

קאמענטארן אויף ארטיקל מארקעטינג (אנליין מסחר 12 כי תשא תשע"ב)

בנוגע וואס נ. ארנשטיין האט רעקאמאנדירט צו נוצן ezine.com צו מארקעטן א וועבסייט.

שווער צו גלייבן אז איינער זאל נתפעל ווערן פון א ארטיקל אויף איזיין.

איך קוק אן איזיין ארטיקלען ווי א הויפן פון גארביזש, און איך מיין אז יעדער ערפארענער אינטערנעט באנוצער ווייסט אויך פון דעם סוד.

חוץ אפשר אז מען טארגעט אומוויסענדע מענטשן.

לוזער מענדל

דער שרייבער מיינט לכאורה די SEO חלק, נישט די לינק אליין, די פראגע איז אויב עס איז נישט קיין נאן פאלאו לינק.

וועב דעוועלאפער

ענטפער פון נ. ארנשטיין: ראשית איך האב פערזענליך געזען גאר גוטע SEO רעזולטאטן דורך ארטיקלען וועבסייטס, איך האב גענוצט מערערע נישט בלויז איזיין. (איך האב גענוצט א ספעציעלע סאפטוועיר דערפאר).

און דאס איז געווען שוין נאך גוגל'ס "פאנדא" אפדעיט וואס האט עטוואס רעדוצירט די רעלעוואנץ פון ארטיקלען. אבער עס איז נאך אלץ הילפבאר.

בנוגע non follow לינקס, איז גוט צו האבן פון דעם אויך.

קליק אויף די לינק אונטען פאר מקורות אויף די צוויי איבנדערמאנטע נקודות.

http://balboos.com/content/?p=3345

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך עטליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

אט זענען עטליכע לינקס.

אינפארמאציע און דיסקוסיע: אוטלוק לעומת וועב-מעיל

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=315

געזוכט: סיסטעם פאר א היים טעלעפאן

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=318

הילף: פאר א נייע אנדרואיד באנוצער

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=181&page=13

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

balboos
יגיע כפיך כי תאכל
- ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
- ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
- רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.

אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטעל

טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
new number 347-469-1885
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

דער בעל בית זוכט פרישע טאלאנטן

דער "בעל בית" איז פאראינטערעסירט אין

פארט טיים

שרייבער איבער סיי וועלכע נושאים וואס עס קענען זיין אינטערעסאנט פאר בעל בית ליינער.

גראפיקער וועלכער ספעציאליזירט זיך אין קריאטיווע און ריינע לעי-אוט.

פול טיים

סעילס מענעדזשער

זייער גוטע געלעגנהייטן פאר פאסיגע פערזאנען

ערנסט פאראינטערעסירטע, פארבינדט אייך מיט אונז נאר דורך די פאלגנדע אימעיל אדרעס

jobs@balboos.com

סטיוו זשאבס

גרינדער און הויפט עקזעקיוטיוו פון עפל אינק.

כאראקטער און מדות

אזוי ווי פיל גאר קלוגע מענטשן, האט זשאבס געהאט א שטארקע ביטול געפיל כלפי געווענליכע פשוטע מענטשן, א פערזאן וואס איז נישט געבענטשט געווארן מיט ספעציעלע חכמה אדער קענטעניסן האט ביי אים נישט תופס מקום געווען בכלל, און כמעט נישט געהאט קיין זכות קיום. שוין אפגערעדט אז ער האט נישט געקענט דולדען אזא איינעם.

> "מען ברויך אים דאך אויסהערן, ווייל געווענליך איז ער פארט גערעכט"

לעומת זה, ווען ער האט ארויפגעקוקט איינעם, איז עס געווען מיטן גאנצן קראפט, אויב האט ער איינגעזען אין איינעם א געוויסע פעאיגקייט אדער געהערט פון יענעם א געדאנק וואס ער האט געהאלטן דערפון, האט ער פון אזא איינעם געהאלטן עולם ומלואו.

אזוי ארום האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיין בליק אויף די מענטשהייט איז געווען -ווי מען רופט עס- "שווארץ אדער ווייס" אן קיין גרויע שטאפלען אינדערצווישן, אדער האט ער געהאלטן איינעם פאר א זשעני און א קאפ שטיק, אדער פאר א אפגעריסענע שוטה.

מען האט געקענט זיין א גאר א געלונגענע און גוטע ארבייטער, אויב האט מען נישט געהאט דאס מזל נושא חן צו זיין אין זיינע אויגן, איז מען געבליבן אפגעסטעמפעלט ווי א נאר און קיינמאל נישט גענומען געווארן ערנסט דורך אים. דערפאר זענען זיינע ארבייטער אלץ געווען אונטער א געוואלדיגע דרוק, די וואס האבן נושא חן געווען, האבן אלץ געלעבט אין א פחד נישט צו פארלירן דעם סטאטוס, און די וועלכע זענען געווארן פאררעכנט ווי נאראנים האבן געוויסט אז סיי וואס זיי וועלן נאר טון אדער זאגן וועט ער אוועקמאכן מיט א ביטול.

נאך א גאר מאדנע כאראקטער שטריך איז געווען זיין מעגליכקייט צו טוישן מיינונג אין א אויגן בליק, מיט אזא בליציגע שנעלקייט אז פאר צושויער האט די קאפ געקענט אנהייבן צו שווינדלען.

דער אויבן דערמאנטער עפל אינזשעניר הערצפעלד דערציילט "ווען מען האט מיר דערציילט איבער סטיוו'ס נייגונג צו גלייבן אין זאכן וואס ער וויל אפילו ווען עס האט נישט קיין גרונט אין מציאות, האבן זיי מיר אויך געווארענט איבער זיין אומסטאבילע מיינונגען" זיינע נייע מיטארבעטער האבן אים ערקלערט "בלויז ווייל ער האט היינט געזאגט אויף עפעס אז עס איז מורא'דיג אדער אז עס איז געפערליך, מיינט עס בהחלט נישט אז מארגן וועט ער אויך אזוי האלטן... אויב זאגט מען אים א נייע געדאנק וואס ער האט נאך נישט אליין געטראכט, וועט ער געווענליך עס אוועקמאכן און שרייען אז עס איז נאריש, אבער אויב איז עס א גוטע געדאנק, וועט ער א וואך שפעטער עס אליין אויפברענגען ווי גלייך עס איז געווען זיין אייגענע איינפאל".

ברוס הארן, א גלענצענדע פראגראמער פון זעראקס פ.א.ר.ק.ווען עפל האט אריינגעכאפט צו זיך, דערציילט, עס האט אפט פאסירט אז איך האב אים געזאגט א איינפאל איין וואך און זשאבס האט מיר טרוקן געזאגט אז עס איז משוגע... א וואך דערנאך האט ער מיר געקענט זאגן, הער נאר, עס איז מיר איינגעפאלן א געוואלדיגע געדאנק - און עס פלעגט זיין מיין איינפאל פון לעצטע וואך... איך האב עטליכע מאל געזאגט "סטיוו, איך האב דיר דאך דאס געזאגט א וואך צוריק" און ער פלעגט זאגן, "יא, יא, יא" און ווייטער אנגיין מיט זיינס.

זיין פערזענליכע באציאונג מיט מענטשן איז געווען זייער שווער און קאמפליצירט, ער פלעגט אסאך שרייען אוועקמאכן און פערזענליך אראפקלאפן. ער איז געווען א געוואלדיגע מבין אויף מענטשן און פארשטאנען צו יענעמס שוואכקייטן, און עס אויסגענוצט צו עמאציאנעל מאניפולירן זיינע ארבייטער אים צו פאלגן און נאכגיין דורך קאמפלימענטירן און דערנידערן לויט ווי ער האט געהאלטן אז עס וועט די בעסטע ארבעטן. ער האט געהאט אלע קענטעניסן פון א געלונגענע כאריזמאטישע פירער, ער האט פולקאם און ערפאלגרייך פסיכילאגיש געפירט זיינע ארבייטער אויף זיין וועג, זיי געמאכט פילן אנגעוויזן אויף זיין הסכמה און גוט ווארט, און גלייכצייטיג ציטערן פון זיינע אויסברוכן אויב האט מען נישט ערפילט זיינע ערווארטונגען.

זייענדיג א געוואלדיגע פערפעקשאניסט פלעגט ער פיל קריטיקירן, און די ארבעטער פלעגן ווערן זייער צובראכן און אנטמוטיגט דערפון, ער האט זיך בכלל נישט גערעכנט אז ער מאכט אוועק ארבעט פון צענדליגע שעות און געוואלדיגע יגיעה. אפט מאל האט אויסגעקוקט ווי ער איז ניטאמאל גערעכט מיט זיינע טענות. אבער מען האט זיך נישט געוואגט צו ענטפערן.

עס זענען אבער יא געווען אזעלכע וועלכע האבן זיך געוואגט אקעגנצושטעלן און אפענטפערן, און מסביר זיין אז ער איז נישט גערעכט מיט זיינע טענות, זשאבס פלעגט וועטעוועל איינזען אין זייער רעכט און לסוף ארויפגעקוקט די וועלכע האבן נישט מורא געהאט צו זאגן זייער אייגענע מיינונג און זיך האלטן דערמיט, ער האט זיי אפילו רעספעקטירט. און געווענליך האט ער זיי עווענטועל געגעבן בהויכע שליסל פאזיציעס.

זע אויך ארטיקל פון ה. פוקס "דער מעק קאמפיוטער" מער איבער די עפל פירמע און די מעק. ערשינען אין בעל בית זשורנאל. עקסלוסיוו פאר מעמבערס.

ווי שווער עס איז געווען צו ארבעטן פאר אים, אזויפיל האט זיך עס אויסגעצאלט פאר מענטשן וואס האבן עס געקענט אדורכשווימען. א טייל -געוועלנליך די מיט א ווייכערע כאראקטער- זענען צוברעקלט געווארן און זיך אפגעטראגן, א שטייגער ווי זשעף ראסקין (ווי מיר האבן שוין געשריבן אין סטיוו זשאבס-6 ויקרא תשע"ב), ווידעראום די מיט שטערקערע כאראקטערן, וועלכע האבן באוויזן אים צו אפענטפערן און זיך נישט לאזן ווען סטיוו איז נישט געווען גערעכט, האבן אייגענטליך הנאה געהאט און געבליבן פון ארבעטן מיט אים.

ביל אטקינסאן דערציילט ווי פאלגענד, "איינמאל האט ער אריינגעשטורעמט צו איינע פון מיינע אינזשענירן אין אפיס, ער האט באטראכט די ארבעט און קאלט ערקלערט "דאס איז אפפאל!" יענער האט זיך נישט געלאזט, "ניין, דאס איז אייגענטליך די בעסטע וועג ווי אזוי מען קען עס מאכן" און דערביי האט ער ערקלערט פארוואס ער איז געקומען צו די החלטה, און זשאבס האט מסכים געווען.

אטקינסאן האט דאן געלערנט זיינע מענטשן, ווען זשאבס שרייט, דארף מען זיך פארשטעלן אז ער מיינט צו פרעגן "זיי מיר ביטע מסביר פארוואס האסטו אזוי געטון?". צום סוף האט יענע אינזשעניר געטראפן נאך א בעסערע וועג ווי אזוי עס צו מאכן, טאקע צוליב דעם וואס זשאבס האט אים געטשאלענדזשט. אטקינסאן האט ארויסגענומען דערפון "מען מעג אים אפענטפערן, אבער מען ברויך אים דאך אויסהערן, ווייל געווענליך איז ער פארט גערעכט".

פארזעצונג קומט אי"ה

פריערדיגע חלקים פון די סעריע:
- סטיוו זשאבס 1 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 2 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 3 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 4 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 5 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 6 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 7 (מעמבערס)
- סטיוו זשאבס 8 (מעמבערס)

דיסקוסירט אנליין


We the People can stop them!
2012 STIMULUS PLAN
Learn how by reading THE INFLATION DECEPTION
Call 866-575-5638 for a FREE COPY ($20 value)
SWISS AMERICA
THE GOLD STANDARD

Find out how a Reverse Mortgage can help YOU.
Call NOW for your FREE DVD & Brochure!
1-866-439-6448

digital
Photo Manipulation
and Retouching
▸ Confidential
▸ Professional
email: retouching1@aol.com

אדווערטייזט?
מיר האבן קאנטאקט מיט "אלע"
היימישע אויסגאבעס און פובליקאציעס
347 300 9722

?זוכט איר ארבייט - אדער ארבייטער
אמפלויּמענט
אינפארמיישן ליין
718-663-0600
צוגעשטעלט דורך
J Tech Center

FREE
Home Security System!
AUTHORIZED DEALER
Protect Your Home
$850 Value!*
Call Today, Protect Tomorrow!
1-877-217-4262
* With $99 Customer Installation charge and purchase of alarm monitoring services.

yes, the internet can be dangerous, but it doesn't have to be!
We are not a filter. We do not block websites. Instead we monitor the sites you visit and send a weekly summarized report to a partner you choose. With WebChaver it is as if your friend (family member, or mentor) is beside you each time you go online, encouraging you to make the right choices.
WEBCHAVER
EMPOWERING FAMILIES AND INDIVIDUALS WORLDWIDE
Only $3.95/ month!
Sign up today! Visit us at www.webchaver.org

ביזנעס מיט חכמה

פארוואס כאפט איר נישט?

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

ווילט איר אויסלערנען נייע טאקטיקן פאר אייערע איינגעשטעלטע? ווילט איר אליינס זיך אויסלערנען עפעס און משום איזה סיבה געלונגט דאס נישט?

פאלגענד איז א ליסטע פון די פיר פאזעס פון קונה זיין נייע שטריכן:

1. **אומבאמערקטע אומגעלונגענקייט:** קודם ווייסט איר אליינס נישט וואס איר ווייסט נישט.
2. **באמערקטע אומגעלונגענקייט:** נאכדעם הייבט איר אן איינזעהן וואס איר ווייסט נישט.
3. **באמערקטע געלונגענקייט:** איר הייבט זיך אן באניצן מיטן נייעם שטריך און דאס נעמט עטוואס פלאג.
4. **אומבאמערקטע געלונגענקייט:** דער נייער שטריך ווערט ענדליך א חלק פון אייך און איר באמערקט אפילו נישט ווען איר באניצט זיך דערמיט.

לאמיר אנקוקן דעם ליסטע און דאס צושטעלן צו א פראקטישער דוגמא: איר ווילט איינעם אויסלערנען ווי אזוי צו אויפזעהן א ביזנעס ריכטיג.

אין דעם ערשטן פאזע, פרובירט יענער צו טוהן וואס ער קען אבער ער זעהט נישט איין אז עס זענען באמת פראהאן פיל בעסערע טאקטיקן. ער ליידט אויף א פעלער פון אינפארמאציע- ער ווייסט נישט אז ער ווייסט נישט. ווי אזוי קענט איר אים רוקן צום נעקסטן פאזע? איר קענט האבן א מיטונג מיט אלע איינגעשטעלטע אדער אויפזעהערס און איבערגעבן נייע אינפארמאציע.

דורך טרעגירן דעם אויפזעהער, האלט ער שוין ביים צווייטן פאזע. ער ווייסט אז ער האט ביז יעצט נישט געוואוסט ווי צו פירן א ביזנעס ריכטיג, אבער ער ווייסט נאכנישט פונקטליך וואס מער ער קען טוהן. ווי אזוי קענט איר אים רוקן נאך אפילו ווייטער צו דעם פאזע אין וואס ער טוהט וואס מען פארלאנגט פון אים, כאטש ער דארף זיך נאך קאנצענטרירן דערויף?

דער בעסטער וועג דאס צו אויפטוהן איז דורך זיין א דוגמא פאר יענעם און אים קלאר מדריך זיין. דורך ערקלערן די טאקטיקן און אים געבן צו פארשטיין וואס זיי טוהן אויף, וועט דער אויפזעהער זיך צוביסלעך איינגעוואוינען זיך צו באניצן מיט זיי. אזוי וועט די נייע אינפארמאציע מיט די צייט ווערן א חלק פון יענעם'ס ארבעט און ער וועט זיך באניצן מיט דעם אן אריינטראכטן דערין, אנקומענדיג צום בעסטן פאזע.

יואל קליין איז א בארימטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספיריענס.

דיסקוסירט אנליין

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס. פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין. און ברענגט עס צוריק די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753

nsm Services
We upgrade your financial Books bringing it to a high level!


Bring your idea to light
Create it. Print it. Enjoy it.
SZ Design
845.352.0395 SZEIDE@GMAIL.COM

OPEN TILL LATE
Printout
▸ Print technology in action
▸ 829 BEDFORD AVENUE ▸ BROOKLYN, NY 11205 ▸ 718-855-4040 ▸ JOBS@PRINTOUTCOPY.COM

ABC check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

אנליין מסחר

אפיליעט מארקעטינג - 13

פון: נ. ארנשטיין
yiddishgelt.com

באצאלן פאר טרעפיק

אינעם פריערדיגן ארטיקל האבן מיר גערעדט פון איינע פון די פאפולערסטע וועגן פון אומזיסטע טרעפיק, וואס דאס איז "ארטיקל מארקעטינג".

ציינד וועלן מיר רעדן איבער **"באצאלטע טרעפיק"**, נעמליך **"פעי פער קליק"** און "ווירטועלע קלאסיפיידס".

באצאלטע טרעפיק איז שטארק פאפולער, ווייבאלד ס'איז דא מענטשן וואס זעען רעזולטאטן ממש געציילטע שעה'ן נאכ'ן אינוועסטירן דאס געלט. אבער מער מאל וועלן מענטשן נישט מאכן געלט דערפון ווי יא, און דערפאר איז דאס נישט רעקאמענדירט פאר מענטשן וואס זענען נאך ניי אינעם פעלד פון אינטערנעט מארקעטינג, און מ'זאל דאס נישט פרובירן בעפאר מ'האט אביסל עקספיריענס אינעם מארקעטינג פעלד.

אלס ביישפיל וועלן מיר אנווייזן אויף **"פעי פער קליק"** פון גוגעל, און די אדווערטייזינג נעטווארקס פון אנדערע "סורטש ענדזשינס" ארבעטן אויף אן ענליכן וועג. "פעי פער קליק" מארקעטערס פארלייגן זיך אויף ספעציפישע גרופעס פון **"קיווארדס"**, צו פרובירן צו שטייגן אין ראנג אין די רעזולטאטן פון די סורטש ענדזשינס.

צב"ש, אויב לייגט איר אריין אין גוגעל די ווערטער "וויאזוי צו פארלירן וואג", וועט איר זעהן נישט בלויז די "נאטורליכע ליסטינגס" אלס רעזולטאט פון "סורטש ענדזשין אפטימיזעישאן", נאר איר וועט אויך זעהן באצאלטע רעזולטאטן ביי די רעכטע זייט, וועלכע האבן געווענליך א לייכטן שאטן.

די ווערד פון די רעזולטאטן ווערט געשאצט לויט ווי אויך זיי זענען אויף די ליסטע. ווי העכער אייער פראדוקט איז אויף די ליסטע, אלץ מער עס איז ווערד, ווייל מענטשן וועלן ענדערש קליקן אויף'ן ערשטן לינק ווי אויף'ן זעקסטן לינק.

כדי צו קענען זיין הויך אויף די ליסטע, דארף מען נאכקומען עטליכע פארשריפטן.

ערשטנס, אייער פראדוקט דארף זיין רעלעוואנט צו די ווערטער וואס דער זוכער האט געזוכט. אויב פארקויפט איר סטאקס און באנדס, און איינער זוכט אינפארמאציע וויאזוי צו פארלירן וואג, וועט אייער פראדוקט זעלבסטפארשטענדליך נישט ארויפקומען.

צווייטנס, איר דארפט האבן דעם העכסטן "ביד" אויף'ן קיווארד וואס איר פרובירט ארויפצוגין. עפ"י רוב זענען דא אסאך מענטשן וועלכע פארמעסטן זיך צו באקומען דעם העכסטן פלאץ אויף'ן זעלבן קיווארד. איר דארפט באשליסן וויפיל איר זענט גרייט צו צאלן יעדעס מאל וואס עמיצער קליקט אויף אייער "פעי פער קליק" עד. דער וואס איז גרייט צו צאלן דאס מערסטע געלט, איז געווענליך דער געווינער.

Google
AdWords

באצאלטע גוגל עד-ווארדס רעזולטאטן ארומגענומען מיט רויט אויף א געווענליכע סיערטש רעזולטאטן פעיזש

דריטנס, איר דארפט אויפבויען א גוטע רעפוטאציע מיט גוגעל זעלבסט. די "פעי פער קליק" אדווערטייזמענטס ווערן איבערגעקוקט און דורכגעזיפט טעגליך, צו פארזיכערן אז מענטשן נוצן נישט אויס דעם סיסטעם אויף קרומע וועגן. אייער מארקעטינג דארף זיין באמת הילפבאר פאר מענטשן, און אויף'ן לינק זאל נישט אויסקוקן צו שטארק ווי איר זוכט צו פארקויפן עפעס.

אויב האט איר א גרויסן בודזשעט און איר ווילט זיך ארײנלייגן אין "פעי פער קליק" אדווערטייזינג, זאלט איר דאס טון. איר וועט אפשר נישט מצליח זיין ביים ערשטן מאל, אבער בעז"ה וועט איר עווענטועל מצליח זיין און דער אינוועסטמענט וועט ברענגען רווחים. אבער מאכט זיכער איר אויסצוגעבן דאס געלט און "בידן" מיט אן אחריות און א חשבון.

אינעם קומענדיגן ארטיקל וועלן מיר רעדן איבער "ווירטועלע קלאסיפיידס".

דיסקוסירט אנליין


J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
718.855.5702 718.865.0645
info@archteamonline.com
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?

דעם דרייווער'ס ווינקל

שמעלקא

קורצע באריכטן

טאיאטע קעמרי

טאיאטע האט דעם פארגאנגענעם חודש ארויסגעגעבן דעם נייעם איבערגעארבעטן טאיאטע קעמרי, וועלכע איז פון פאפולערסטע קארס אין אמעריקע פאר די לעצטע 23 יאר, דערפון פארקויפנדיג א טייל יארן איבער 400,000 שטיק א יאר. קיין איין אנדערע מיד-סייז סעדאן פארקויפט נישט מער. די האנדא אקארד איז די נאנסטע צו דעם נומער מיט בערך 375,000. (לעצטע יאר האבן זיי פארקויפט 327,804 קעמרים).

די לעצטע ווערסיע טאיאטע קעמרי (פון 2005-2011) האט פארלוירן אביסל פון איר גלאנץ און כבוד, סיי נאכן באקומען נידריגע ראטעס פאר איר קוואליטעט וועלכע איז שטארק געפאלן, און שפעטער ווען עס איז פארגעקומען די גאנצע סומאטוכע פון די ברעיקס, און די קעמרי איז געווען צווישן די אפעקטירטע אויטאס. טאיאטע האט דעריבער פארשפראכן אז אויף 2012 וועלן זיי מתקן זיין אלע פראבלעמען, און זיכער מאכן אז זיי בלייבן אויפן שפיץ פונעם בארג.

אצינד איז דער אויטא ערשינען, און ווי פארשפראכן איז די קוואליטעט שטארק פארבעסערט, גענוי ווי די אלטע געשמאקע טאיאטע קוואליטעט מיט וואס זיי זענען שטענדיג געווען באוואוסט. די עצם קאר איז נישט צופיל אנדערש פון די פריערדיגע, און אינדרויסן זעהט עס אויס גאר ענליך.

אבער אינווייניג איז פנים חדשות באו לכאן. עס פארט מער סמאד און אויך שטילער, און די סטירינג שפירט אביסל בעסער ווי די פריערדיגע אין די 6-צילינדער ענדזשינ'ס, אבער נישט קיין גרויסע חילוק (מיטן אויסנאם אויף די SE מאדעל וועלכע איז פיל

פארבעסערט). זעלבסטפארשטענדליך אז אויך די מיילעדזש איז פארבעסערט און די נייע קעמרי פארנוצט נאך ווייניגער גאז ווי די פריערדיגע, וועלכע איז שוין לכתחילה אויך געווען גאר גוט אין דעם חלק. די 4-צילינדער ענדזשין (וועלכע 75% פראצענט קויפן) איז פארבעסערט מיט 3 מייל-פער-גאלאן. עס פארנוצט די ווייניגסטע גאז פון סיי וועלכע אנדערע מיד-סייז סעדאן. עס וועגט אויך ווייניגער. בלוטוט קומט אריינגעבויעט אין יעדע מאדעל, אפילו די גאר נידריגע.

כמעט אלע מאדעלן באקומען א סטיריא סיסטעם מיט א גרויסע 6 אינטשיגע סקרין, וואס וועט ווייזן פילע אינפארמאציע, און איז זייער געשמאק צו נוצן. מען קען עס אפגרעידן צו א סיסטעם וואס טאיאטע רופט "ענטאן" (Entune) וואס לייגט צו נעווּיגעישאן און נאך פילע "עפפס" און אינטערעסאנטע אינפארמאציע. (זעה בילד).

Information
Map Data
Apps
Fuel Consumption
Tire Pressure
Traffic Incidents
XM Fuel Prices
XM Sports
XM Stocks
XM NavWeather

דיסקוסירט אנליין


SAVE UP TO 50%
OFF YOUR NEXT HEATING BILL
Advanced Portable Infrared iHeater®
Saves Money NOW...
Saves Money LATER!
✓ Heats up to 1000 sq. ft. evenly for about $1 a day
✓ Safe around kids and pets
✓ Cannot start a fire
✓ FREE shipping
✓ Full factory warranty
✓ NEW low price!
Was ~~$499~~
Now Only $279 For a Limited Time
Call 1-866-497-5473
Phone lines open 7am - 11pm EST
Shown here iHeater IH1000 Model
IH1500 Model also available (heats 1500 sq. ft.)
Strict limit of 2 iHeaters per household
Media Code: 6177

בעל בית זשורנאל

ווערט ארויסגעשיקט יעדע מאנטאג צו טויזנטער היימישע ביזנעסלייט איבער די וועלט, בחנם אין כסף.

בעל בית און פארמאט צו פרינטן

אוועליבעל פאר מעמבערס

פריערדיגע אויסגאבעס

אוועליבעל פאר מעמבערס

צו ווערן א מעמבער

קאסט יעצט בלויז $25 א יאר. עס האט נאך פארשידענע בענעפיטן. פאר מער פרטים און צו ווערן א מעמבער, זע לינק.

www.balboos.com/content/membership

קאמענטארן און פארום סיסטעם

מיר האלטן אין לעת עתה סיי די קאמענטארן סיסטעם אויף די וועב זייטל און סיי די פארום, ווייל מיר האלטן אז עס א שאד אנצופילן די פארומס מיט בלויז א קורצע קאמענטאר אויף א ארטיקל.

אויב איר טרעפט א ארטיקל וואס ברענגט אויף א נושא וואס איז ווערט צו דיקוסירן קען מען עפענען א נושא דערוועגן אין די פארום און מען זאל לייגן א לינק אין א קאמענטאר אויף יענע ארטיקל, אז מענטשן זאלן וויסן אז עס איז דא א שמועס דערוועגן אין די פארום'ס.

אינטערוויאס און באשרייבונגען

מיר געבן די געלעגנהייט אין די פארום פון א אינטערוויא אדער א ארטיקל, פאר היימישע ביזנעסלייט זיך פארצושטעלן פארן ציבור, אראפלייגן וואס זיי קענען צוגעבן אדער ארויסהעלפן דעם עולם, אויף א פראפעסיאנאלע אופן.

אויב זענט איר אינטערעסירט פארצושטעלן אדער באשרייבן אייער ביזנעס אין די בעל בית פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.

אדווערטייזמענט

א אדווערטייזמענט אין בעל בית ווערט געזען דורך טויזנטער היימישע ביזנעסלייט דורך די וואך. אדווערטייזערס אין בעל בית זעען זייער גוטע רעזולטאטן. (רעפערענצן וועלן געגעבן ווערן אויפן פארלאנג)

ביטע רופט (די נומער איז בלויז פאר אדווערטייזמענט)

(347) 469-1885

אדער אין אימעיל

ads@balboos.com

בקשה

מיר שטעלן אייך צו די בעל בית גענצליך בחנם, מיר בעטן פון אייך בלויז איין זאך, ביטע פארשפרייט די בעל בית בכל אופן האפשרי! דערציילט דערוועגן אייערע באקאנטע און פריינט, מוטיגט זיי זיך צו סובסקרייבן, זיי וועלן אייך זיכער דאנקבאר זיין. און אזוי וועט איר אי"ה קענען ווייטער געניסן דערפון בחנם.

***

מיר זענען וויליג אנצונעמען ארטיקלען און קאלומס געשריבן דורך ליינער. אויב איר ווילט שרייבן וועגן סיי וואספארא נושא, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.

mail@balboos.com